**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/19/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון א 20 מיליאן דאלארדיגע שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט פאר צוגענגליכע פרייזן אין איסט באפעלאו**

***Mount Aaron Village אפפערט 59 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן, אריינרעכענענדיג 18 מיט שטיצנדע סערוויסעס, און נייע קאמיוניטי געזונטהייט קליניק***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון Mount Aaron Village, א 20.3 מיליאן דאלארדיגע שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט פאר צוגענגליכע פרייזן אין איסט באפעלאו. די דעוועלאפמענט קומט מיט 59 אפארטמענטס, אריינרעכענענדיג 18 אפארטמענטס פאר מענטשן וועלכע נויטיגן זיך אין שטיצנדע סערוויסעס צו לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט.

"האוזינג פון א הויכע קוואליטעט פאר צוגענגליכע פרייזן איז די יסוד פון א געזונטע קאמיוניטי און פון הצלחה פון מענטשן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע איז איבערגעגעבן צו ארבעטן מיט שותפים ווי צום ביישפיל אונזערע רעליגיעזע פירער וועלכע שטייען אין שפיץ פון די דעוועלאפמענט צו ברענגען מער האוזינג געלעגנהייטן צו איסט באפעלאו און מאכן די קאמיוניטי שטערקער און מער סטאביל איוף די לאנגע טערמין. אזוי ווי מיר זעצן פאר מיט אונזערע אויפלעבונג באמיאונגען אין די געגנטער, וועט Mount Aaron Village צושטעלן די סארטן היימער און מיטלען וואס איינוואוינער דארפן צו קענען בליהען."

Mount Aaron Village איז טייל פון גאווערנער האקול'ס ברייטע פלענער צו מאכן האוזינג גרינגער זיך צו ערלויבן, מער יושר'דיג און מער סטאביל. אין די פיסקאלע יאר 2023 סטעיט בודזשעט האט די גאווערנער פארגעשלאגן און ערפאלגרייך דורכגעפירט א 25 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע, ברייטע האוזינג פלאן וואס וועט פארמערן די האוזינג סופליי דורכן בויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן איבער גאנץ ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

די דעוועלאפמענט בויט אויך ארויף אויף די סטעיט'ס באמיאונגען צו אדרעסירן לאנגיאריגע אומגלייכקייטן אין די איסט באפעלאו קאמיוניטי. פריער דעם יאר האט די [גאווערנער אנאנסירט 50 מיליאן דאלאר](#) אין געציהלטע אינוועסטירונגען צו אדרעסירן די באדערפענישן פון איסט באפעלאו נאכפאלגנדיג די ווייסע ראסיסטישע טעראר אטאקע אין מאי.

Mount Aaron Village באשטייט פון א דריי-שטאקיגע געביידע מיט 43 אפארטמענטס און 4,000 סקווער פיס שטח פאר ביזנעסער און דריי טאַונהאַוז-סטיל געביידעס מיט א סך הכל פון 16 אפארטמענטס. עס זענען דא 18 אפארטמענטס אוועקגעלייגט פאר מענטשן וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט וועלכע וועלן באקומען דארט רענט סאָבסידיס און שטיצנדע סערוויסעס איוסגעצאלט דורך די 'עמפּייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו' (Empire State Supportive Housing Initiative)

און אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ( Office of Temporary and Disability Assistance).

סערוויסעס צוגעשטעלט דורך .BestSelf Behavioral Health Inc רעכענען אריין קעיס מענעדזשמענט, אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס, הילפס-מיטלען פאר עדזשוקעישען, קאונסעלינג, גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס, פאמיליע מעדיצין סערוויסעס, קריזיס אינטערווענץ, שטיצע פון מענטשן וואס געפונען זיך אין ענליכע אומשטענדן און געזונטהייט סערוויסעס אינדערהיים. BestSelf Behavioral Health Inc. ליעסט אויך די ביזנעס שטח צו צושטעלן סערוויסעס פאר איינוואוינער און פאר די ארומיגע קאמיוניטי.

די איבעריגע 41 אפארטמענטס וועלן זיין געגנוג ביליג פאר משפחות וועלכע פארדינען 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט (Area Median Income). איינריכטונגען פאר די איינוואוינער רעכענען אריין א קאמיוניטי צימער מיט א קיך, מאשינען צו וואשן וועש און א דרויסנדיגע שפילארט.

Mount Aaron Village איז דעזיינט געווארן צו נאכקומען די פאדערונגען פון די נייע קאנסטרוקציע פון נידעריגע געביידעס פראגראם (Low-Rise New Construction Program) פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) און אזוי אויך די פאדערונגען פון Enterprise Green Communities. ענערגיע-שפארזאמע אייגנשאפטן רעכענען אריין מעבל, הייצונג און עיר קאנדישען סיסטעמען און באלייכטונג מיט Energy Star 'הכשר'.

די דעוועלאפמענט איז געבויט געווארן אויף צוויי אקער פון ליידיגע שטח וואס די Mount Aaron Village האוזינג דעוועלאפמענט קאסע קארפארעישען – די דעוועלאפמענט אראם פון די Mount Aaron Missionary Baptist Church קירכע – האט אפגעקויפט פון די Buffalo Economic Renaissance Corporation (באפעלאו עקאנאמישע רעוואלוציע קארפארעישען). די דעוועלאפערס זענען Community Hope Builders CDC, Inc. און CB-Emmanuel Realty.

סטעיט פינאנצירונג פאר Mount Aaron Village רעכנט אריין פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וואס האבן אויפגעטריבן 12.6 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און כמעט 6 מיליאן דאלאר אין סאָבּסידי פון די ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal). NYSERDA וועט צושטעלן $55,400. די סיטי אָוו באפעלאו שטעלט צו $800,000 אין פעדעראלע HOME געלטער.

**ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "Mount Aaron Village זעצט פאר אונזער אינוועסטירונג אינעם אויפרעכטן איסט באפעלאו'ס געגנטער מיט האוזינג דעוועלאפמענט וועלכע אפפערן זיכער, געזונטע היימער פאר צוגענגליכע פרייזן און נייע קאמיוניטי סערוויסעס. מיט 59 אפארטמענטס, אריינרעכענענדיג 18 וועלכע זענען אוועקגעלייגט פאר געוועזענע היימלאזע מענטשן און פאמיליעס, וועט Mount Aaron Village העלפן פארזיכערן אז איסט באפעלאו'ס יעצטיגע און צוקונפטיגע איינוואוינער האבן די געלעגנהייטן וואס קומען זיך פאר אלע ניו יארקער. מיר זענען דאנקבאר פאר די Mount Aaron Baptist Church קירכע און פאר CB Emmanuel פארן אריינגיין אין א שותפות אויף די דעוועלאפמענט וואס וועט פארשטערקערן די גאנצע איסט באפעלאו קאמיוניטי."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "מיט די פארענדיגונג פון דעם Mount Aaron Village פראיעקט, האבן איסט

באפעלאו איינוואוינער באקומען מער צוטריט צו הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן וואס קומט מיט ענערגיע-שפארזאמע מעבל און עקוויפמענט בשעת'ן גיבן מער באקוועמליכקייט פון בעסערע סארט פענסטער, אינסולעישען און לופט סיעלינג. דער פראיעקט, און אנדערע וועלכע זענען אזוי ווי דעם, ווייזן ארויס די סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו אראפנידערן עמיסיעס וואס קומען פון געביידעס צו ברענגען געזונטערע פלעצער צו וואוינען און קאמיוניטיס אין שטיצע פון גאווערנער האקול'ס ציהל צו אנטוויקלען צוויי מיליאן קלימאט-פריינטליכע היימער ביז 2030."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע (Office of Addiction Services and Supports) קאמישאנער, טשינאַזאָו קאנינגעהעם, האט געזאגט,** "צושטעלן שטיצנדע האוזינג פאר מענטשן וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך אדיקשען קען זיין קריטיש ווען עס קומט צו פארמערן א מענטשן'ס אלגעמיינע געזונטהייט און וואוילזיין און פאר זייער פערזענליכע ערהוילונג. דאס איז א וויכטיגער פראגראם וואס וועט ברענגען ממשיות'דיגע בענעפיטן פאר נויטבאדערפטיגע מענטשן אין די באפעלאו ראיאן, און עס וועט זיי ערלויבן צו באקומען קריטישע באהאנדלונג סערוויסעס און צוטריט צו אנדערע הילפס-מיטלען נאענטער צו זייער היים."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "בויען און אויפהאלטן הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן אין איסט באפעלאו איז קריטיש פאר איר צוקונפט. איך בין שטאלץ אז די פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס האבן אויפגעטריבן מער פון 18 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר די וויכטיגע דעוועלאפמענט וואס וועט פארשטערקערן די איסט באפעלאו קאמיוניטי."

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** "Mount Aaron Village דינט אלץ אן אינוועסטירונג אין א בעסערע צוקונפט פאר איסט באפעלאו איינוואוינער, צושטעלנדיג סטאבילע, מאדערנע און שטאנדהאפטיגע האוזינג מיט שטיצנדע סערוויסעס כדי פאמיליעס, עלטערע מענטשן און אנדערע מענטשן זאלן קענען האבן די געלעגנהייט צו לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט. פעדעראלע פראגראמען ווי די נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט און די HOME קאסע העלפן שטיצן די דעוועלאפמענט פון האוזינג יוניטס פאר צוגענגליכע פרייזן ווי דעם פראיעקט. די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט סיגנאלירט וויכטיגע פארשריט וואס מיר מוזן פארזעצן אריבער די גאנצע מערב ניו יארקע קאמיוניטי."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "מיט די פארענדיגונג פון Mount Aaron Village, זעצט איסט באפעלאו פאר צו זעהן ווארעם-באגרוסטע אינוועסטירונג. די קאמפלעקס פון הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן וועט ברענגען געלעגנהייט, צוגענגליכקייט און וויכטיגע שטיצנדע סערוויסעס אין א פארבינדענע אטמאספערע. איך אפלאדיר פעסטאר דזשאָנס פאר זיין אנגייענדע פירערשאפט און חזון און פארן אנערקענען די וויכטיגקייט פון שאפן א דורכגעטראכטע, קאמיוניטי-צענטרירטע פלאץ וואס מענטשן קענען באמת רופן א היים."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירערין קריסטאל פיפלס-סטאָוקס האט געזאגט,** "איך דרוק אויס מיינע הערצליכע וואונטשן פאר .Community Hope Builders CDC, Inc און CB Emmanuel Realty פאר די פארענדיגונג פון Mount Aaron Village. די 59 אפארטמענטס און 4 ביזנעס פלעצער וועלן צולייגן מער אקטיוויטעט, געדיכטקייט צו די געגנט און צוגעשטעלטע געזונטהייט-פארבינדענע סערוויסעס צו די דזשענסי-דזשעפערסאן ראיאן און די ארומיגע קאמיוניטי. איך האב אזוי שטארק געגלויבט אין דעם איסטסייד באפעלאו פראיעקט אזש איך האב געקענט ערפאלגרייך פארזיכערן $250,000 אין DASNY אינפראסטרוקטור געלטער פאר הילף. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול, NYS היימער און קאמיוניטי רינוּעל און NYSERDA פארן העלפן ערמעגליכן די דעוועלאפמענט פון א פינאנציעלע קוק ווינקל."

**ערי קאונטי עקזעקיוטיוו מארק סי. פּאָולאָנקאַרז האט געזאָגט,** "די נויט פאר הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן איז קריטיש אין אונזער קאמיוניטי און Mount Aaron Village אדרעסירט דירעקט די נויט מיט 59 אפּארטמענטס, אריינרעכענענדיג א חלק פאר מענטשן וועלכע נויטיגן זיך אין שטיצנדע סערוויסעס. די ענערגיע-שפארזאמע דעוועלאפּמענט ברענגט נישט נאר קריטישע האוזינג, נאר עס לייגט אויך צו ביזנעס פלעצער צו די געגנט און איז א געוואלדיגעביישפיל פון וויאזוי שותפות'ן קענען פארשטערקערן אונזער קאמיוניטי."

**באפעלאו מעיאר בייראן וו. בראַון האט געזאָגט,** "עס איז א פארגעניגן צו אנהויבן די וואך פון די האלידעיס מיטן אפצייכענען די פארענדיגונג פון Mount Aaron Village, א שטיצנדע האוזינג דעוועלאפּמענט פאר צוגענגליכע פרייזן וואס וועט צושטעלן פאר שוואכערע מענטשן און פאר צוגענגליכע פרייזן מיט די אריבערגייענדע און אפּאָרדעבעל שטיצנדע האוזינג וואס זיי דארפן צו קענען אנהאלטן סטאביליטעט און זיכערהייט. פראיעקטן ווי דעם בויען ארויף אויף מיין אדמיניסטראציע'ס באמיאונגען צו אפעקטיוו פארבינדן די וועלכע זענען אין נויט פון די האוזינג און שעלטער געלעגנהייטן וואס זיי דארפן און וואס עס קומט זיך זיי. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער קעטי האקול און פאר די פילע אנדערע פארמישטע פארטייען וועלכע האבן געארבעט אויף דעם פראיעקט און עס דורכגעפירט. לאמיר פארזעצן צו ארבעטן צוזאמען צו אונזער פאראייניגטע ציל פון מאכן די סיטי נאך אפילו מער פאראייניגט און אפּאָרדעבעל פאר יעדן."

**בען אָפּשאו, פרינציפּעל פון CB-Emmanuel, האט געזאָגט,** "עס איז געווען א כבוד פאר אונז ביי CB-Emmanuel Realty, LLC צו אריינגיין אין א שותפות מיט די NYS היימער און קאמיוניטי רינױעל, באפעלאו סיטי און מיט Community Hope Builders אויף א פראיעקט וואס מיר האפן אז עס וועט האבן א אונטערהייבנדע השפעה פאר איסט באפעלאו. מיר פילן אז דאס איז א פאזיטיווע צוגאב צו די וואקסנדע און אויפשטייגנדע געגנט וואס וועט נאר פארבעסערט ווערן דורך ערוואַרטעטע צוקונפטיגע שטאפלען פון קאנסטרוקציע אויף ארומיגע שטחים."

**עליזאבעט וואויקע-גאנגא, CEO פון BestSelf Behavioral Health, האט געזאָגט,** "עס איז אונז א פארגעניגן צו זיין א חלק פון די צוזאמענארבעט וואס ברענגט זיכערע הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן פאר שוואכערע מענטשן אין אונזער קאמיוניטי. אונזער מאנשאפט איז איבערגעגעבן צו זיכער מאכן אז די מענטשן און פאמיליעס וועלכע באזעצן זיך אין די גענצליך נייע יוניטס באקומען אלע שטיצע און סערוויסעס וואס זיי דארפן צו קענען לעבן זייערע בעסטע לעבנס."

**פּעסטאר דוועין דזשאָנס פון Mount Aaron Baptist Church קירכע / Community Hope Builders, האט געזאָגט,** "די דעוועלאפּמענט זעצט פאר אונזער בלאק-ביי-בלאק צוגאנג צו איבערבויען די היסטארישע געגנט אין באפעלאו סיטי, און עס וואלט נישט געקענט דורכגעפירט ווערן אן די שטיצע פון גאווערנער האקול, אונזערע סטעיט פארשטייער, מעיאר בראון און אזויפיל אנדערע פארטייען אריבער אונזער קאמיוניטי, אריינרעכענענדיג די איינוואוינער וועלכע זענען איבערגעגעבן אונז צו העלפן ערייכן די אויפלעבונג צו וואס מיר אלע שטרעבן."

**קענדעס ס. דזשאנסאן, PhD, פּרעזידענט און CEO פון Roswell Park Comprehensive Cancer Center, האט געזאָגט,** "איך וויל אויסלויבן פּעסטאר דזשאָנס און גאווערנער האקול פאר זייער מידלאזע ארבעט ביים ברענגען Mount Aaron Village צום פארענדיגונג. מיטן בויען הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן, איז פּעסטאר דזשאָנס מקיים זיין איבערגעגעבנקייט און געטריישאפט צו די אין די קאמיוניטי וועלכע נויטיגן זיך די מערסטע אין אונזער הילף. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אייך אויף צוקונפטיגע פראיעקטן צו פארזעצן צו מאכן באפעלאו פאר א געזונטערע און מער יושר'דיגע פלאץ פאר יעדן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418